מיט זיינע געבירטיג־אָווגטן האָט ער זיך באַקאַנט געמאַכט אין דייטשלאַנד, שווייץ, עסטרייך און פוילן, ער האָט אָרגאַניזירט פֿעסטיוואַלן פֿון יידישן ליד אין די גרעסערע שטעט אין אייראָפּע און מערערע מאָל באַזוכט ישראל, וווּ ער איז אויפֿגענומען געוואָרן אין דער טעלעוויזיע, זיך פּרעזענטירט מיט קאָנצערטן אין ירושלים, תּל־אביב, באר־שבע, פּתח־תּקווה און אין גרעסערע קיבוצים אין לאַנד.

אָבער דעם שפּיץ פֿון זיין פּיעטיזם פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון מרדכי געבירטיג, האָט מאַנפֿרעד לעם אַרויסגעוויזן מיטן אַרויסגעבן זיין בוך "מרדכי געבירטיג - יידישע לידער". דאָס איז אַ בוך אין גרויסן פֿאָרמאַט ( 21 • 30 ), 296 זייטן, טעקסטן מיט נאָטן, אין יידיש, ווי אויך טראַנסקריבירט מיט לאַטיינישע אותיות, איבערגעזעצטע אויף דייטש, און באַצירט מיט אילוסטראַציעס און אָרנאַמענטן, צוגעפּאַסטע צום אינהאַלט פֿון די טעקסטן. צום סוף קומען: אַ קליינער יידיש־לעקסיקאָן פֿון געבירטיגס וואָקאַבולאַר, אַן אַלפֿאַבעטישער לידער־אינדעקס, אַ לידער־פֿאַרצייכניש לויט די אינציפּיעס פֿון די לידער און אַ ביבליאָגראַפֿישע רשימה.

דאָס בוך איז אַן איינזאַמל פֿון אַלע געבירטיג־לידער, אַרויס־געגעבענע אין דריי פּעריאָדן: די אויסגאַבע "פֿאָלקסטימלעך", פֿאַרלאַג "דאָס ביכעלע", קראָקע, 1920; די צווייטע אויסגאַבע "מיינע לידער" מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון מנחם קיפּניס, אַרויס אין ווילנע דורך אַ געזעלשאַפֿטלעכן קאָמיטעט געווידמעט דער דרייסיקיאָריקער טעטיקייט פֿון מרדכי געבירטיג, 1936; און די דריטע אויסגאַבע "ס'ברענט", מיט אַן אַריינפֿיר־וואָרט פֿון יוסף וואָלף, רעדאַגירט פֿון אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע אין צוזאַמענשטעל פֿון מיכאַל באַרוויטש, נעלאַ ראָסט און יוסף וואָלף, מיטגלידער פֿון דער היסטאָרישער קאָמיסיע, קראָקע, 1946.

Mit sajne Gebirtig-owntn hot er sich bakant gemacht in Dajtschland, Schwajz, Esstrajch und Pojln, er hot organisirt fesstiwaln fun jidischn lid in di gressere schtet in Ejrope un merere mol basucht Jissroel, wu er is ojfgenumen geworn in der telewisie, sich presentirt mit konzertn in Jeruschalajim, Tel-Awiw, Bar-Schewa, Petach-Tikwa und in gressere kibuzim in land.

Ober dem schpiz fun sajn pietism far der schafung fun Mordechaj Gebirtig, hot Manfred Lemm arojssgewisn mitn arojssgebn sajn buch "Mordechaj Gebirtig - Jidische lider". Doss is a buch in grojssn format (30 X 21), 296 sajtn, tekstn mit notn, in jidisch, wi ojch transskribirt mit latejnische ojssjess, ibergesezte ojf dajtsch, un bazirt mit ilustrazies un ornamentn, zugepasste zum inhalt fun di tekstn. Zum ssof kumen: a klejner jidisch-lekssikon fun Gebirtigss wokabular, an alfabetischer lider-indekss, a lider-farzajchnisch lojt di inzipiess fun di lider un a bibliografische reschime.

Doss buch is an ajnsaml fun ale Gebirtig-lider, arojssgegebene in draj periodn: di ojssgabe "Folksstimlech", farlag "Doss bichele", Kroke, 1920; die zwejte ojssgabe "Majne lider" mit a forwort fun Menachem Kipniss, arojss in Wilne durch a gesel-schaftlechn komitet gewidmet der drajssikjoriker tetikejt fun Mordechaj Gebirtig, 1936; un di dritte ojssgabe "Ss' brent", mit an arajnfirwort fun Jossef Wolf, redagirt fun a redakzie-kolegie in zusamenschtel fun Michael Barwitsch, Nela Rosst un Jossef Wolf, mitglider fun der hisstorischer komissie, Kroke, 1946.

Mit seinen Gebirtig-Abenden machte er sich einen Namen in Deutschland, in der Schweiz, Österreich und Polen, er organisierte Festivals des jiddischen Liedes in den größeren Städten Europas und besuchte Israel, wo er im Fernsehen vorgestellt wurde, präsentierte Konzerte in Jerusalem, Tel-Aviv, Ber-Sheva, Petach-Tikva, und in größeren Kibuzim im Land.

Aber den Gipfel seiner Hochachtung vor dem Schaffen Mordechaj Gebirtigs bewies Manfred Lemm mit der Herausgabe seines Buches: "Mordechaj Gebirtig - Jiddische Lieder". Das ist ein Buch im Großformat (30 X 21), 296 Seiten, Texte mit Noten, sowohl in jiddisch als auch transkribiert in lateinische Schrift, Übersetzungen in deutsch; illustriert mit Bildern und Ornamenten, die zum Inhalt der Texte passen. Zum Schluß ein kleines Jiddisch-Lexikon von Gebirtigs Vokabular, ein alphabetischer Liederindex, ein Liederverzeichnis mit den Liedanfängen und eine Bibliographie.

Das Buch ist eine Sammlung aller Gebirtig-Lieder, herausgegeben in drei Perioden: Die Ausgabe "Folksstimlech", Verlag "Doss Bichele", Krakau 1920; die zweite Ausgabe "Majne Lider", mit einem Vorwort von Menachem Kipnis, herausgegeben in Wilna durch ein Komitee, zum dreißigjährigen Dichterjubiläum von Mordechaj Gebirtig, 1936; und die dritte Ausgabe "Ss' brent" mit einem Vorwort von Josef Wolf, redigiert von einem Redaktionskollegium, Michael Barwitsch, Nela Rost und Josef Wolf, Mitglieder der Historischen Kommission, Krakau 1946.



Zeichnung: Hermann Struck
aus: Arnold Zweig,
Das ostjüdische Antlitz
Berlin, Welt-Verlag, 1922



